LIVING TORAH

# פרשת עקב

## בס"ד. משיחת ו' תשרי ה'תש"נ

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דער מעמד ומצב פון דער שטאט דניעפראפעטראווסק בזמן ההוא, אז ס'איז געווען די עיר הבירה אין ענינים פון אידישקייט פון גאנץ אוקראינא – ווי ס'האָט דעמאלט געהייסן דער טייל פון דרום-רוסלאנד, און אז מ'האָט געדארפט פועל זיין, האָט מען דאָך געמאכט רדיפות אויף רבנים אז זיי זאלן זיך ניט מישן אין די זאכן, ואדרבה – זאלן נאך ארויסגעבן א בריוו אז זיי זיינען מסכים אז דאָס איז א מלכות וואָס איז ניט רודף ענינים של דת, וכמדובר כמה פעמים,

איז דער טאטע דעמאלט אַרויס בגלוי, און האָט געזאגט אז ניט נאר ער וועט ניט חתמ'ענען אויף דעם בריוו – וואָס מ'האָט שוין גע'פועל'ט ביי כמה אז זיי זאלן חתמ'ענען דעם בריוו מתוך יסורים און מיט איומים והפחדות וכו' וכו' – נאר ער וועט זיך אויך משתדל זיין אויף מפרסם זיין אז ער חתמ'עט ניט.

און פארוואס חתמ'עט ער ניט? דערפאַר וואָס ער ווייסט און אַלע ווייסן דאָס, נאר מ'האָט וועגן דערויף מורא צו רעדן, במילא אז ער וועט נאך אַרויס בגלוי איז נאך דא א מעגלעכקייט אז ס'וועט געפינען על כל פנים א טייל וואָס וועלן גלייך צו אים צושטיין, און ס'וועט ווערן א גאנצע איבערקערעניש וכו', אשר לכן דארף מען אים נאכגעבן פארשידענע דרישות,

אנהויבנדיק פון דער דרישה בהנוגע צו מצה, וואָס דאָס איז דאָך מיכלא דמיהמנותא, וואָס מ'האָט דעמאלט געדארפט פארן אין מאסקווע צו פועל זיין א רשיון אז מ'זאל ערלויבן מאלן די חיטים אין אזא אופן אז דאָס זאל זיין כשר לפסח לפי המצב ההוא.

און וויבאלד אז יעקאטרינאסלאוו – דניעפראפעטראווסק איז דאָך געווען אין א שטח וואָס דארט האָט געוואקסן חיטים און שעורים וכיוצא בזה, און ער איז געווען אט דער וואָס האָט זיך איינגעשטעלט און געזאגט אז ער פאָרט בפועל, און מ'האָט ניט מורא געהאט אויף אים ניט לאזן פארן, און דערנאך פועל זיין אז מ'זאל אים דארטן ניט אויפנעמען,

און געפארן אין מאסקווע און האָט גערעדט מיט קאלינין'ען אליין, וואָס ער איז געווען דעמאלט דער פרעזידענט פון די גאנצע מלוכה דארטן, פון דער קאמוניסטישע רעזשים דארטן, און פועל ביי אים געווען ער זאל געבען א רשיון, אז ער הייסט די אַלע פקידים – פקידי המלוכה, וואָס געפינען זיך אין יעקאטרינאסלאוו וואָס דאָרט זיינען געווען די הויפט מילן אויף צו מאלן די חיטים – אז מ'זאל זיך ניט מישן, און מ'זאל פאלגן, בשעת ס'וועט קומען צו גיין דער משגיח וואָס הרב שניאורסאהן האָט אנגעשטעלט, און וועט זאגן אז דאָס איז ניט כשר, במילא טאר מען דאָס ניט ניצן, איז מ'איז זיך מזיק די מלוכה – אט דאָס קען ער דאָך דעמאלט באשולדיקן דער רב שניאורסאהן אז ער איז מזיק די קאמוניסטישע רעזשים, ניט נאר פון יעקאטרינאסלאוו און אוקראינא, נאר דאָס איז פועל אויך – וויבאלד אז דאָס איז געווען דער מקור פון וואַנענט חיטים איז פאנאנדערגעשפרייט געווארן איבער גאנץ רוסלאנד –



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת עקב

האָט ער געזאגט אז ער וועט זיך דערפאַר ניט אפשרעקען, מ׳וועט מאכן א גאנצע פרסום דערפון, במילא איז ער זיכער אז קאלינין אליין וועט אים אויפנעמען, און וועט ניט לאזן אז מ׳זאל אים ניט צולאזן צו אים.

וכך הוה מילתא.

איז אנגעקומען די פקודה אין יעקאטרינאסלאוו וואו ס׳זיינען געווען די הויפט מילן, און דארט האָט מען געזאגט אז ער זאל צושטעלן – אויסקלייבן אליין די משגיחים, און קיינער וועט די משגיחים ניט זאגן קיין דיעה, און דער משגיח דארף גארניט דערציילן די מלוכה וואָס ער פסל׳ט יא און פארוואס ער פסל׳ט,

ער דארף נאר אפגעבן דעם דין וחשבון מיט די הסברה צו דעם הרב שניאורסאהן, און הרב שניאורסאהן וועט דערנאך איבערגעבן אז די און די מעל וואָס איז אנגעקומען אין דעם און דעם טאָג די חיטים, און דערנאך האָט מען זיי געמאלען וכו׳ – טאר מען דאָס ניט נוצן אויף פסח, און מ׳זאל שיקן צוריק אדער פארקויפן פאר א ביליגער פרייז וכיוצא בזה וכו׳ וכו׳.

וואָס די מעגלעכקייט אויף דאָס צו טאן, האָט ער געהאט הודות וואָס ארום אים, בביתו, איז געווען אזא מצב רוח, אז ניט נאר מ׳האָט זיך ניט געשראקן, און במילא האָט מען אים אויך געקענט אפשרעקן, נאר אדרבה, מ׳האָט אים נאך מער געגעבן כח, און חוזק רוח אויף ניט רעכענען זיך מיט די אַלע סכנות, אף על פי וואָס דעמאלט איז געווען דער מצב אין די גאנצע מדינה, אז ניט נאר דער רב אליין נאר כל בני ביתו, על אחת כמה וכמה אשתו, וואָס לעבט מיט אים אין דער זעלבער הויז און שטיצט אים, אין די קאנטער-רעוואלוציאנער טעטיקייט, אויף מזיק זיין די גאנצע מדינה בנוגע צו די הויפט מעל פון די גאנצע מדינה, און זי העלפט אים אַרויס אין דערויף, זאל מען איהר ניט טשעפען און מ׳זאל איהר ניט שרעקן,

און אף על פי אז ס׳איז געווען אזעלכע וואָס האבן זיך געשראקן צווישן די פקידים, ביז וואַנענט אז ס׳איז אויך געווען גוטע פריינט וואָס האבן מורא געהאט, אז מ׳זאל ניט מקיים זיין די איומים, איז מען געקומען שטילערהייט ביי נאכט ווען מ׳האָט ניט געזעהן אז מ׳גייט צום רב, וואָס דאָס אליין איז שוין געווען א חטא, און דערציילט אז זיי האבן ידיעות און האבן פארבינדונגען מיט די "טשעקא" ווי ס׳האָט דארטן געהייסן, דאָס הייסט אט-די וואָס זיי זיינען די הויפט פאר-פאלגער געווען, אונטערגעשטיצט פון די יעווסעקציע, אבער די יעווסעקציע אליין האָט ניט געהאט די מאכט, האָט זי זיך געדארפט ווענדן צו די גויים צו די קאמוניסטן, און זיי האבן דערנאך דאָס געטאהן.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.